בחינם!

# תורת אביגדור

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

צוזאמען געקליבען פון זיינע שיעורים, ספרים
און די כתבים פון זיינע תלמידים

אידיש

פרשת שמות

# א געלעגנהייט!

"תורת אביגדור", די היינט שוין וועלט בארימטע פארשפרייטער פון די תורה און הדרכה פון הגאון ר' **אביגדור מיללער זצ"ל**, וואס היינט צוטאגס ווערן די "**תורת אביגדור**" קונטריסים אויף ענגליש געליינט איבער 20,000 מאל א שבת איבער די גאנצע וועלט, לייגט צו א נייע אפטיילונג – נעמליך די שרייבן און דרוקן תורת אביגדור אויף אידיש, וואס דעם דאזיגען קונטרס וואס איר האלט אין די הענט, איז די התחלה צו דעם אינטערנעמונג. און מיט דעם ווענדין מיר זיך צום ציבור: **כאפט אריין דעם געלעגענהייט און זכות הרבים**, העלפט אונז ארויס אין אונזער אויפגאבע און נעמט א טייל אין די שרייבען, דרוקען און פארשפרייטען דעם רב'ס שמועסען און הדרכות פאר די היימישע ציבור. פאר מער אינפארמאציע פארבינדט אייך מיט אונזער אפיס, אויף די אדרעססען סוף פון דעם בלאט.

*

***Sign up for Toras Avigdor in English***

**Web:** Bit.ly/TorasAvigdor **Email:** info@TorasAvigdor.org

*

**© Copyright 2018 by**

***TorasAvigdor.org***

Email: **info@TorasAvigdor.org** Telephone: **732.844.3670**

Address: **5014 16th Avenue Suite 488 Brooklyn, NY 11204**

# ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

## פרשת שמות

### פרעה: א דוגמא פונעם יצר הרע

דער רמב״ם זאגט אונז אז פרעה מלך מצרים דינט אלס א דוגמא פאר אונז, א משל געאייגנט דורך הקב״ה אונז צו לערנען וויכטיגע יסודות. פרעה סימבאליזירט אונזער אלעמען׳ס באקאנטן אור אלטער שונא: דער יצר הרע (כתבי הרמב״ם: אגרת המיוחס להרמב״ם אות כח). אודאי איז געווען אן עכטע פרעה בלי שום ספק; אלע סיפורים וואס שטייען אין די תורה זענען במציאות געשען. אבער די תורה איז א סך מער ווי די היסטאריע פון עם ישראל, און די מעשה פון יציאת מצרים איז פיל מער ווי א דערציילונג וויאזוי עס האט זיך געגרינדעט כלל ישראל. מיר דארפן וויסן אז אלע סיפורים פון די תורה זענען א וועג ווייזער וואס לערנט אונז די סודות וויאזוי דורך צו גיין אונזער לעבן מיט הצלחה.

אפילו פרעה איז געווען א פאקטישע פערזענליכקייט, דאך איז ער געווען געאייגנט און געפלאנט דורך הקב״ה אלס א דוגמא פאר דער יצר הרע. דער רמב״ם זאגט נישט סתם א דרשה. ווען דער רמב״ם זאגט אז פרעה מיינט פאר אונז דער יצר הרע, דארף מען דאס גוט אפלערנען און טיף אריינטראכטן אין דעם.

## זיך לערנען פון פרעה - די שליסל צו הצלחה

דער בעל דבר איז א כח וואס דער אויבערשטער האט ארייגעשטעלט אין די וועלט כדי צו פרואוון די מענטשהייט, און צו באלוינען דער וואס שטארקט זיך און דערגרייכט דורכדעם די גדלות פון זיין נשמה. מיר זענען אלע באקאנט מיט די כוחות פון דער יצר הרע, מיט וואס דער אויבערשטער פרואווט אונז. אבער צו דערקענען מיר זיין געווער מיט וואס ער קומט אונז אנטקעגן? וויאזוי שטעלן מיר זיך אנטקעגן ווען ער קומט אונז פרואוון? דאס זענען די שאלות וואס מיר מוזן ענטפערן, אויב ווילן מיר צו עפעס צוקומען אויף די וועלט.

יעצט ווען די תורה דערציילט אונז פון פרעה׳ס כיטרע אויפפירונג, זענען די ווערטער א הדרכה אונז צו העלפן אנטקעגן די טאקטיקן פון דער יצר הרע. און אז מיר לערנען גוט אפ די ווערטער פון פרעה, וועט אונז זיין מעגליך צו מצליח זיין און אנערקענען די תחבולות היצר וואס מיר דארפן באקעמפן אין אונזער טאג טעגליכן לעבן. די ווערטער פון די פרשה ענטהאלטן די שליסל צו אונזער הצלחה.

עס איז נישט מעגליך אויסצושמועס׳ן אין איין שיעור אלע פארשידענטארטיגע מיטלען פונעם בעל דבר, אבער מיר וועלן נוצן איין ביישפיל וואס איז שטענדיג נוגע. מיר וועלן אדורכרעדן א וויכטיגע און פראקטישע וועג צו בייקומען די מכשולות און צו מצליח זיין אין אונזער תכלית אין לעבן.

## פרעה האט א פלאן!

ביים סוף פון די פרשה געפונען מיר ווי משה רבינו האט זיך געטראפן מיט פרעה, און פארלאנגט אין די נאמען פון הקב״ה, שלח את עמי ויחוגו לי במדבר - ״שיק ארויס מיין פאלק זיי זאלן מאכן א יום טוב פאר מיר אין די מדבר״ (שמות ה, א). אבער פרעה לאזט זיך נישט אזוי גרינג בייגן. ער איז נישט גרייט ארויסצולאזן זיינע גוטע אומזיסטע ארבעטער, נאר ווייל א ג-ט, וואס איז פרעמד פאר אים,

האט אזוי פארלאנגט. ווער איז דא דער בעל הבית?! אני ואפסי עוד! ווער ווייסט צו זיי וועלן נישט אויפקומען נאכדעם מיט אנדערע געדאנקען? היינט ווילן זיי גיין אין מדבר פאר דריי טעג און מארגן וועלן זיי וועלן נאך מער. פרעה איז א קלוגער מענטש, א שארפער און כיטרער קעניג, און ער וועט נישט צולאזן אז די גאולה זאל פארקומען פאר זיינע אויגן. דערפאר איז ער אויפגעקומען מיט אן ארגינעלע פלאן כדי אפצושטעלן באצייטנס זייערע געדאנקען.

## א נייע מהלך

פרעה האט יעצט איינגעפירט א נייע געזעץ. מצרים איז נישט געווען אזוי ווי היינט, וואס יעדע געזעץ קומט גרינגער מאכן פאר די ארבעטער. מער פרייע צייט, א לענגערע לאנטש ברעיק, ווייניגער ארבעט אריין לייגן און ווערן מער באצאלט. אין יענע צייטן האט עס אנדערש געארבעט, מענטשן האבן שווער געארבעט פאר לאנגע שעות.

יעצט איז פרעה געקומען שווערער צו מאכן. מען גיבט מער נישט קיין שטרוי פאר די ציגל ארבעטערס. זאלן זיי אליין דורך גיין דאס לאנד צוזאם קלויבן שטרוי! און מען וועט נישט אננעמען פון קיינעם ווייניגער ארבעט ווי פריער - זיי וועלן אודאי דארפן מער צייט, פיל מער שעות צוצושטעלן די באזונדערע ארבעט וואס פרעה פאדערט. זאלן זיי טרעפן מער צייט! אנפאנגען פריער, ענדיגן שפעט אין די נאכט אריין. וואס עס פעלט נאר אויס, אבי זיי זאלן זיין גאר שטארק פארנומען.

פרעה איז געווען א קלוגער מענטש. ער האט געהאט אוועקגעשטעלט זייער א גוטע ארבעט סיסטעם און עס האט זייער פיין געארבעט ביז אהער. וואס וועט פרעה פארדינען פון די נייע גזירה? מען וועט נישט יעצט אויפבויען זיינע שטעט מער ווי פריער; די צאל ציגל בלייבט דאך די זעלבע. וואס איז דא געווען זיין פלאן?

## פרעה׳ס כיטרע אויפטרעף

פאר די ענטפער וועלן מיר אריינקוקן אין איינס פון אונזערע באליבטע ספרים, דער מסילת ישרים. די כוונה פון פרעה איז געווען אוועקצונעמען פון זיי אלע פרייע צייט עס זאל זיי נישט איינפאלן אויפצוקומען מיט פלענער קעגן אים. ער האט גע׳שתדל׳ט אוועקצונעמען פון זיי די מעגליכקייט צוצולייגן קאפ צו פלענער פון גאולה, דורך זיי געבן ארבעט וואס האט נישט קיין סוף. פרעה האט פארשטאנען אז די בעסטע וועג זיי אפצוהאלטן פון מאכן פארשריט צו די גאולה איז זיי צו האלטן אינגאנצן באשעפטיגט מיט די ארבעט.

א מענטש וואס שטייט אויף פארטאגס ארבעטן אין פעלד און קומט נישט צוריק אהיים ביז שפעט ביינאכט, איז כסדר מיד און אויסגעמוטשעט, אזא מענטש האט נישט קיין צייט און מח צו טראכטן וועגן סיי וואס אויסער די ארבעט וואס ער טוט. און וועגן דעם האט פרעה געזאגט, תכבד העבודה על האנשים ויעשו בה ואל ישעו בדברי שקר – ״זאל די ארבעט זיין שווער אויף די מענטשן און זיי זאלן כסדר זיין פארפלאגט, וועלן זיי נישט אריינקלערן אין פאלשע ענינים.״ תכבד העבודה!! זיין פארנומען מיט אלע סארטן ארבעט! דאס איז געווען פרעה׳ס געריבענע פלאן.

## אטאקירט פון אלע זייטן!

דער מסילת ישרים, אין די ערשטע פרק, שרייבט: ״כל עניני העולם נסיונות הם לאדם״ - אלע ענינים פון די וועלט זענען נסיונות פאר די מענטשן. דער רמח״ל זאגט אונז דא אז אונזער וועלט איז א פלאץ פון נסיונות, א פלאץ פון איבערלעבענישן.

דו מיינסט אז עס געשעט צומאל אז דו דארפסט דורכגיין א נסיון. אבער ניין! דאס איז א יסודות׳דיגע טעות וואס רוב מענטשן, אפילו גוטע מענטשן, מאכן. אלעס וואס גייט אריבער אויף דיר, פון בייטאג ביז ביינאכט, איז נאר כדי דיך צו פרואוון. וויאזוי דו רעאגירסט צו אלע געשעענישן פון דיין לעבן, אויף דעם וועט מען דיך דן זיין, און

דאס וועט מעסטן די הצלחה פון דיין קיום אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, אדער פארקערט חס ושלום.

דו זאלסט נישט טראכטן אפילו פאר א מינוט, אז בלויז לייענען די ווערטער וועט עפעס אויפטוען פאר דיר. דער מסילת ישרים שרייבט: עד שנמצאת המלחמה אליו פנים ואחור – ״א מענטש איז שטענדיג אין א קריג וואו ער ווערט אטאקירט פון פארנט און פון אונטן.״ דאס מיינט אז פון אלע זייטן ווערט ער באפאלן. און נישט בלויז אז דער מענטש געפונט זיך אין א קריג, עס איז א מלחמה חזקה, זייער א שווערע, אינטענסיווע מלחמה. ווען דו לייענסט די ווערטער שפירסטו נישט ווי דו האלטסט יעצט אינמיטן א מלחמה. ניין! דו מיינסט אז דער מסילת ישרים טרייבט איבער אביסל, פרובירנדיג צו כאפן אונזער אויפמערקזאמקייט. און דערפאר פארלירן מיר אלע די מלחמה.

## באמבעס גיסן אראפ ווי האגל

דו האלטסט נאכאנאנד אינמיטן א קריג; א מלחמה חזקה! א מלחמה אליין מוז שוין זיין שטארק, ס׳איז נישטא אזא זאך ווי א מלחמה וואס איז גרינג און באקוועם. יעדע סאלדאט וועט דיר זאגן אז ווען באמבעס פליען העכער׳ן קאפ, איז עס נישט צו באקוועם. און אויב עס איז א מלחמה חזקה, מיינט עס אז נישט נאר די באמבעס פליען פארביי, נאר זיי גיסן אראפ ווי האגל.

איך זאג שטענדיג איבער די ווערטער פון חובות הלבבות. ער דערציילט פון א חסיד וואס האט געזען ווי א גרופע סאלדאטן קומען צוריק אהיים נאכ׳ן באזיגן זייער פיינט אין א שווערע מלחמה. האט ער זיך אנגערופן צו זיי, ״אט האט איר מנצח געווען די קליינע מלחמה, יעצט קענט איר זיך צוגרייטן פאר די אמת׳ע מלחמה, די מלחמה קעגן דער יצר הרע.״ דאס זענען נישט סתם ווערטער, דאס איז די מציאות פונעם לעבן!

די גרויסע נסיון וואס מיר טוען אלע קעמפן גייט אן כסדר און ענדיגט זיך נישט, און דעריבער אויב דו שפירסט זיך באקוועם, אויב

דו אנערקענסט נישט די סכנה אין וואס דו ביסט, מוזטו וויסן אז דו גייסט ארום אין די וועלט גענצליך אומוויסנד און אומבאשיצט! און דער וואס גייט ארום אין א שלאכטפעלד נישט וויסנדיג וואס גייט פאר ארום אים, איז זיכער אויסגעשטעלט צו ווערן מסוכן׳דיג פארוואונדעט.

## פרעה אין תשע״ט

דו מוזט כסדר וויסן און שפירן אז דו האלטסט אינמיטן א מלחמה. פרעה׳ס כיטרע פלאן צו האלטן די אידן פארנומען, צו פארנומען צו מצליח זיין, איז א נסיון צו וואס מיר זענען אויסגעשטעלט אלע טעג פון אונזער לעבן.

דאס איז דער טאקטיק מיט וואס דער יצר הרע באנוצט זיך שטענדיג אנטקעגן אונז. רוב פון אונז זענען אזוי פארנומען מיט אונזערע פליכטן צו די משפחה, צו די ארבעט, צו די פילע געשעפטן וואס מיר דארפן ערלעדיגן, ווי אויך פארברענגן מיר אביסל, אזוי אז מיר בלייבן נישט מיט קיין צייט צו טראכטן פון אונזער ריכטיגע ציל אין לעבן. דער יצר הרע האט זייער מורא אז דער מענטש וועט מאכן א חשבון פון זיינע ענינים, און דורך דעם אמת׳דיג מצליח זיין אין די וועלט.

## דו וועסט אייביג זיין פארנומען!

עס מאכט נישט קיין חילוק אויב דו לעבסט יעצט אין א רואיגע תקופה אדער אין א מער אנגעצויגענע תקופה. אזוי צו אזוי, וועסטו שטענדיג זיין באשעפטיגט מיט די ביזנעס פון לעבן.

לאמיר נעמען צום ביישפיל אן ערליכער איד. ער איז נישט פויל, ער וויל טון וואס איז ריכטיג. אבער די טעג און שעות פון זיין לעבן זענען אינגאנצן אנגעפילט. נישטא קיין איבריגע צייט! ער דארף ברענגן פרנסה, מגדל זיין די קינדער, זיך אפגעבן מיט די משפחה און די שכנים. מענטשן זענען מיד, אויסגעמוטשעט פיזיש און גייסטיש,

באשעפטיגט מיט׳ן הלך ילך פון לעבן. נישטא אזא זאך ווי שלוה בשעת א מענטש לעבט, ווייל נישט קיין חילוק וואס דו ביסט, וועסטו זיין א פארנומענע מענטש.

אויב ביסטו א נגיד, אן איש מוצלח, ביסטו פארנומען מיט צוזאמנעמען די חודש׳ליכע דירה-געלט פון אלע דיינע הייזער. דו זיצט אין דיין באקוועמע בענקל אין אפיס, ציילנדיג די געלט וואס קומט אריין. דו ווייסט אז יעדע קליינע זאך, אפילו ציילן געלט, נעמט צייט. דו האסט הנאה פון ציילן געלט, אבער עס נעמט צייט. און אויב דו ביסט נישט רייך, איז עס דען בעסער? דו גייסט פון איין פעטער צום צווייטן, בארגן געלט. בארגן פון איין גמ״ח צו צאלן פאר א צווייטן. און אויב ביסטו א געווענליכע פון די מיטעלע, נישט רייך, נישט ארעם, ביסטו פונקט אזוי פארנומען. דו צאלסט אפ די געז און עלעקטריק. דו דארפסט מחליט זיין צווישן באצאלן די שכר לימוד פאר די חדר אדער באצאלן די חשבון אין די גראסערי. די הלוך ילך פונעם טאג-טעגליכן לעבן איז א גרויסע אחריות, א גרויסע עול אויף א מענטש׳ס אקסלען.

## א קינד איז נישט א געוואוקס

און אפילו ווען דו ביסט נישט פארנומען מיט אריינברענגען פרנסה, ביזטו פארנומען מיט דיין משפחה. ערציען קינדער איז א געוואלדיגע אחריות. עס נעמט אסאך צייט. א קינד איז נישט א געוואוקס וואס דו קענסט סתם אריינלייגן א קערנדל אין די ערד און באוואסערן איין מאל א טאג. ס׳איז נישטא אזא זאך ווי פרייע צייט ווען מען איז מגדל א אידישע משפחה, עס נעמט אויף די גאנצע טאג און די גאנצע נאכט! אפילו להבדיל פאר א גוי איז עס נישט גרינג. אבער מיר, די עם ישראל, וואס זענען פארנומען מיט מגדל זיין גרויסע משפחות בדרך התורה, זענען טויזנט מאל מער פארנומען.

עס מאכט נישט אויס וועלכע ראלע דו שפילסט אין די קאמפליצירטע וועלט, אדער אין וועלכע שטאפל פון לעבן דו האלטסט. סיי ווען, וועסטו זיין פארנומען.

האסטו אמאל אריינגעטראכט מיט וואס א מאמע איז באשעפטיגט? א אידישע מאמע פירט אן א גאנצע קאמפאני, די גאנצע עול ליגט אויף איר. מיט וואס איז זי דען נישט פארנומען? זי איז א קעכערין און א דאקטער, א שופט און א מחנך. זי רייניגט די הויז און וואשט די קליידער, און פרובירט נאכדערצו צו העלפן אריינברענגען פרנסה. האסטו אין דיין לעבן אמאל געזען א מער פארנומענע מענטש ווי א הייליגע אידישע מאמע?

## נישט דא קיין איבריגע צייט!

באמת איז דאס א משל פאר אונז אלע. דו קענסט זיין א מיידל אין סקול, אדער א בחור אין ישיבה, א יונגע חתן אדער אן אלטע באבע, און דו ועסט אייביג זיין פארנומען מיט׳ן לעבן. נישט קיין חילוק וואס דו טוסט, האלסטו און איין לויפן פון איין זאך צום צווייטן, אן אויפהער.

אפילו דער וואס מאכט צייט פאר עבודת השם, ער איז פארזיכטיג צו לערנען, דאווענען, צו טון חסד, ער איז א חשובער מענטש! אבער אויך ער איז נאכאנאנד פארנומען. ער לויפט אין שוהל דאווענען, ער איז קובע עתים, ער לייגט אוועק צייט ביינאכט צו גיין אין בית מדרש, אבער זיינע טעג גייען אריבער אין גרויס איילעניש. יעדע שטאפל פונעם לעבן האלט דיר פארנומען מיט׳ן לעבן אליינס. דאס איז נישט א מקרה, עס איז אלעס די פלאן פון הקב״ה. ער האט געשטעלט די יצר הרע פון תכבד העבודה וואס פארלייגט זיך אויף דיר, כדי דו זאלסט נישט האבן קיין פרייע צייט זיך מתבונן צו זיין אין דעם ריכטיגן ציל פון לעבן!

זיכער קענסטו זיין א געלונגענער מענטש אין די פארנומענע וועלט! אפשר א טיכטיגער ביזנעסמאן, אדער א פעאיגער פירער פון א חסד ארגאניזאציע. אפשר ביסטו גאר א טויגליכער מלמד אדער א מוצלח׳דיגער ראש ישיבה, און דו ביסט א טאלאנטפולער טאטע וואס איז מגדל אן ערליכע משפחה. וואס עס זאל נאר זיין, ביסטו נאך אלץ צו פארנומען זיך אפצוגעבן מיט דיין אמת׳ע תכלית אין לעבן.

## די וועלט ציט דיך אריין!

עס איז דא נאך א פלאץ וואו מיר קענען געפונען דער יצר הרע פון תכבד העבודה, וואס איז כסדר נוגע פאר אונז. אויב מיר ווען ארייננקלערן דעריין, און אנהויבן צו פארשטיין די סוד פון די גרויסע נסיון וואס די וועלט שטעלט פאר, וועט עס זיין גרינגער פאר אונז עס בייצושטיין און מצליח צו זיין.

אין קהלת שטייט וגם את העולם נתן בלבם – "הקב"ה האט ארייננגעלייגט די וועלט אין די הארץ פון מענטשן, מבלי אשר ימצא האדם את המעשה אשר עשה אלקים מראש ועד סוף – "כדי מען זאל נישט אנזען די ווערק וואס הקב"ה טוט כסדר אין די וועלט פון אנהייב ביז'ן סוף" (קהלת ג יא).

יעדער וואס קוקט זיך ארום אויף דער וועלט, באמערקט גלייך אז אלעס וואס אנבאלאנגט די וועלט איז אקטיוו. אלעס ארום אונז איז פילפארביג און פארשידנארטיג. די וועלט איז קאלירפול, אלע סארטן בלומען,ביימער, עסן, טרינקען, און אלע ערליי מענטשן. שטענדיג איז דא שמחות, צרות, אינצידענטן, עפיזאדן, און אלע מיני ערשיינונגען. די נייעס און די וועטער נעמען אויף א סך פלאץ אין דיין קאפ. פון לאקאלע פאליטיק ביז די געשעענישען אין ווייטע לענדער; וואס גייט פאר אין דיין שטוב, וואס מאכן דיינע נאנטע, און וואס טוט זיך יעצט אין גאס. דיין מח איז אינטערעסירט און נאכגעצויגן נאך אלעס וואס די וועלט האט צו פארקויפן.

## אפילו א צוויי-יעריג קינד

עולם הזה איז א בחינה פון מחליף את הזמנים. עס האלט זיך אין איין טוישן פאר אונזערע אויגן אין פארשידענע וועגן. אזוי פיל זאכן געשעען כסדר, און עס ציט דיך אריין! ווען עס איז ביטער קאלט אינדרויסן, רעדסטו וועגן די קעלט. אז מען זאגט פאר א שניי שטורעם ווערסטו, פאר די קומענדיגע שטיק צייט, שמועס'ן וועגן דעם. דו ווערסט אנטציקט פון די גלאנציגע פילפארביגע וועלט!

איך געדענק, אלס קליין קינד פון אפשר צוויי יאר אלט האט מיר מיין מאמע געפירט אין א וויגעלע אינדרויסן. ווען איך האב ארויפגעקוקט האב איך געזען שטארק בליטשקעדיגע לייטס. עס האט מיר באצויבערט, איך בין נתפעל געווארן! דאס איז וואס עולם הזה טוט צו דיר אלע טעג פון דיין לעבן. עס רייצט דיך אן, עס וועקט אויף דיין נייגער און ציט דיך אריין אינעווייניג. דיין מח ווירבלט שטענדיג מיט געדאנקען. מחשבות פליסן דורך אין דיין קאפ אן אויפהער. גם את העולם נתן בלבם – ״הקב״ה האט געשטעלט די וועלט אין אונזער געדאנק.״

שלמה המלך האט דאס באמערקט באלד אין אנהויב פון זיין קעניגרייך. און דער חכם מכל אדם האט אנטפלעקט פאר אונז די סיבה און די סוד וואס ליגט אונטער די פילפארביגע רוישיגע נאטור פון עולם הזה, וואס הקב״ה האט געשטעלט פאר אונזערע אויגן. עס איז נישט א צופאל! שלמה המלך זאגט דאס איז א נסיון! מבלי אשר לא ימצא האדם את המעשה אשר עשה האלקים – ״אז דער מענטש זאל נישט טרעפן דער אויבערשטער׳ס כוונה פון בריאת האדם בעולם הזה.״

דו האסט דאס אלעס נישט געוויסט ביז יעצט, נישט אזוי? ווי אזוי קענסטו אפילו טראכטן פון ערפילן דיין תפקיד אויף די וועלט, צו מצליח זיין אין עבודת השם, אויב דו דערקענסט אפילו נישט די געווער פונעם שונא?

## וויל הקב״ה אז מען זאל פארגעסן פון אים?!

הקב״ה האט דאס אלעס אריינגעלייגט אין אונזער מחשבה, דאס איז וואס עס מיינט גם את העולם נתן בלבם. פארוואס? שלמה המלך זאגט אונז אז די עיקר סיבה דערצו איז צו זען אויב דו וועסט מסיח דעת זיין, אויב דו וועסט פארגעסן פון הקב״ה, וואס שטייט פון הינטער די הערליכע פאנאראמע פון די וועלט. מיר ווערן דא געפרואווט - וועלן מיר פארגעסן פון הקב״ה ווען מיר זען אזוי פיל זאכן וואס געשען ארום אונז, דראמאטישע פאסירונגען, מהלכים און

שיטות און געשיכטעס פון היסטאריע? אדער וועלן מיר קענען האלטן די קאפ אויפ׳ן פלאץ און געדענקען דעם אויבערשטן טראץ די אלע זאכן וואס געשעען ארום אונז?

יעצט מוז איך אייך זאגן אז דער פסוק גייט נאך טיפער פון דעם. איך וועל אייך ערקלערן א יסודות׳דיגער הסבר אויף די ווערטער פון קהלת. נישט נאר האט הקב״ה אריינגעשטעלט אין די וועלט אזוי פיל פארשידנקייטן, און אזוי פיל געשעענישן אין דאס טאג טעגליכע לעבן דיר צו האלטן פארנומען. הקב״ה האט איינגעפלאנצט אינעם הארץ א נאטירליכע צוגעבינדנקייט, א ליבשאפט, צו די וועלט. עס איז די נאטור פון די מענטשהייט אז מען שפירט זיך צוגעבינדן צו אלע ענינים פון די פערזענליכע לעבן: משפחה, שכנים, די פרנסה... חן מקום על יושביו – ״די פלאץ וואו א מענטש וואוינט געפינט חן אין זיינע אויגן״ (סוטה מז, א). מלמד שכל אחד ואחד יפה לו הקב״ה אומנתו בפניו – ״הקב״ה האט בכוונה אוועקגעשטעלט אז א מענטש זאל שפירן א פערזענליכע קשר און א ליבשאפט צו זיין ארבעט״ (ברכות מג, ב). הקב״ה האט דוקא אריינגעלייגט אין די הארץ פון די מענטש א טיפע קשר, אפילו א ליבשאפט, פאר די זאכן פון עולם הזה.

יעצט, ווען נישט די פסוק, וואלטן מיר געזאגט אז דאס איז איינס פון די פילע חסדי השם וואס דער אויבערשטער שענקט פארן מענטש. אז מיר זאלן שפירן א קשר, אן אינטערעסע, אין אלע פאסירונגען פון אונזער לעבן. מיר שעצן עס נישט גענוג, אבער אויב נישט פאר די געפיל, וואלט דאס לעבן געווען לאנגווייליג און אומעטיג.

## די סוד פון תכבד העבודה!

כאטש דאס איז אוודאי אמת, דאס איז פון די חסדי השם, איז שלמה המלך אונז מגלה א טיפערע און יסודות׳דיגע כוונה פון הקב״ה: גם את העולם נתן בליבם מבלי אשר ימצא את המעשה אשר עשה אלקים מראש ועד סוף – ״הקב״ה האט אריינגעלייגט די וועלט אין די הארץ פון דער מענטש כדי אז דער מענטש זאל נישט צוטרעפן, נישט באמערקן, די אמת׳ע כוונה פון השי״ת אין די וועלט.״ דאס

מיינט נישט אז דער איבערשטער וויל נישט אז דו זאלסט אנטפלעקן די סוד פארוואס דו ביסט דא אויף דער וועלט, נאר ער וויל עס זאל דיר אנקומען שווער דאס איינצוזען !

אויב וואלט געווען פשוט און גרינג פאר דיר צו אנערקענען דיין אמת׳ע תכלית אויף די וועלט, וואלט די וועלט בכלל נישט געווען א נסיון. וועגן דעם האט הקב״ה אריינגעלייגט אין אונז א נאטורליכע ליבשאפט צו דער וועלט. ער האט אונז באהאפטן צו די וועלט, כדי מיר זאלן ווערן אריינגעשלעפט אין אלע עניני העולם, אלע ערשיינונגען פון עולם הזה, אזוי אז מיר זענען שטענדיג אין א נסיון. קומט אויס, נישט נאר איז אונזער נאטורליכע קשר צו די וועלט א חסד פאר אונז, נאר אויך דינט עס אונז אלס א נסיון, אוועקצושלעפן אונזער מחשבה פון אונזער תכלית. אזוי אז מיר געפונען זיך שטענדיג אין א מלחמה חזקה וואס איז אויסגעשטעלט קעגן אונז פנים ואחור - פון פארנט און פון אונטן, פון אלע זייטן.

פונקט אזוי ווי א סאלדאט אין א מלחמה, ווען ער באגעגענט זיך מיט א שונא און ער קען אים בייקומען, וועט ער נישט רוען נאר ער וועט אנטלויפן, אדער נאך בעסער, ער וועט אים שיסן ! דער סאלדאט קען נישט זיצן מיט די פיס ארויף. ער דארף זען ווער קומט אים יעצט באפאלן פון אונטן. ווייל דאס מיינט א מלחמה, פנים ואחור.

אזוי אויך אין לעבן, ווען מיר ווערן באפאלן פון אלע זייטן מיט׳ן תכבד העבודה, איז נישט דא אזא זאך ווי אפאטעמען און זיצן במנוחה. מען דארף אייביג שטיין אויף דער וואך און זען, מיט וועלכע נסיון קומט דער שונא יעצט צו גיין ? און די נסיון פון תכבד העבודה האלט פארנומען די מחשבה פון דעם מענטש נאכאנאנד, מיט אלעס אין די וועלט אויסער דאס וואס איז די מערסטע וויכטיג.

## א נצחון אין די מלחמה

מיר זענען שטענדיג אין א מלחמה חזקה און עס פארלאנגט פון אונז א שטארקע אויפמערקזאמקייט. איינע פון די ערשטע זאכן וואס מיר דארפן וויסן איז, וואס איז די נצחון וואס מיר ערווארטן צו זען?

כדי דאס צו ענטפערן וועלן מיר נאכאמאל אריינקוקן אין מסילת ישרים: השלימות האמיתי הוא רק הדביקות בו יתברך – "די אמת'ע שלימות, די אייביגע גוטס, איז נאר ווען דער מענטש איז באהאפטן צו הקב"ה". און דאס מיינט - צווישען אנדערע זאכן - אז ווען דיין מחשבה איז מקושר צו הקב"ה, איז דאס דיין גרעסטע הצלחה אין לעבן. טראכטן פונעם אויבערשטן - דאס איז אמת'ע דביקות! מען דארף נישט צוקומען צו די תורת הנסתר אדער אנדערע טיפע ענינים; מען קען זיין דבוק בה', פשוט מיט מחשבה. ווען דו זיצט דא און טראכסט פונ'ם אויבערשטער, ביסטו נישט נאר מקיים די וויכטיגע מצוה פון ובו תדבק און ולדבקה בו – "און איר זאלט זיך באהעפטן אין אים," נאר דאס אליין מיינט אז דו האסט דערגרייכט א נצחון אין דיין מלחמה קעגן דער יצר הרע.

קומט אויס, אז סיי דער יצר הרע פון תכבד העבודה און סיי די נסיון פון את העולם נתן בליבם, זענען שווערע זאכן וואס שטייען אין וועג און האלטן דיך צוריק פון צוקומען צום שלימות האמיתי, דער עיקר תכלית פארוואס די ביסט געקומען אויף די וועלט.

דיין פארנומענקייט מיט'ן טאג טעגליכן לעבן, ווי אויך דיין נאטורליכע אינטערסטע אין וואס עס טוט זיך ארום דיר, האלטן דיך צוריק פון זיין דבוק צו הקב"ה. דער יצר הרע איז אפילו מסכים דיר צו לאזן זיין פארנומען מיט מצוות א גאנצן טאג, אזוי לאנג ווי עס האלט דיך צו פארנומען צו טראכטן פון הקב"ה.

## גדלות אינמיטן די גאס

לאמיר זאגן דו געפונסט זיך יעצט אינדרויסן און דו ווארטסט אריבערצוגיין די גאס. דו ביסט אופ'ן וועג צו שוהל אדער צו די

ארבעט. אדער לויפסטו אפצונעמן די קינדער פון חדר, אדער צו כאפן א באס. וואס עס זאל נאר זיין, איז דיין קאפ פארנומען און דו באמערקסט נישט דער שונא וואס שטייט אנטקעגן דיר און וויל בלויז פארברענגן דיין צייט. דאס איז די כח פון תכבד העבודה וואס לאזט דיך נישט אפ.

יעצט איז א גאלדענע געלעגנהייט צו דערגרייכן א זיג אינמיטן די שווערע מלחמה. אנשטאט פארברענגן דיין צייט, און זיך אונטערגעבן צו די שונא קעגן דיר, ניץ אויס די געלעגנהייט! ביז דו קענסט אריבערגיין די גאס, כאפ אריין די מינוט און טראכט: "הקב"ה איז דא נעבן מיר, ער באגלייט מיר איבעראל וואו איך גיי." דאס איז די שלימות האמיתי - דו קליינע מענטשעלע, שטייענדיג אויפן גאס דא וואו דו וואוינסט, שטייסט העכער פון די גאנצע וועלט! דו ביסט דבוק בה'!

אויב דו וועסט טראכטן, "בראשית ברא אלוקים, השי"ת האט באשאפן די וועלט יש מאין," ביסטו נאך העכער אנגעקומען. דאס איז א מוצלח'דיגע פארשריט, א גרויסע געווינס אין די מלחמה. און עס איז א מצוות עשה מן התורה! עס איז גארנישט ווייניגער ווי טראגן תפילין מהודרים, ווייל תפילין מהודרים קען נישט זיין בעסער ווי א מצות עשה. דאס איז אויך געזאגט פאר פרויען! טראכטן איין מינוט פון הקב"ה איז נישט ווייניגער ווי טראגן די טייערסטע תפילין מהודרים.

ווען דו שטייסט אויפ'ן גאס און טראכסט אז הקב"ה האט באשאפן די וועלט, בלויז פאר די צייט וואס עס נעמט צו טראכטן די ווערטער, האסטו שוין מקיים געווען א וויכטיגע מצוה פון די תורה. ובו תדבק – דו באהעפסט זיך צו אים! דאס איז די שלימות האמיתי, זיין באהאפטן צו הקב"ה.

אבער דער יצר הרע שלאפט נישט. ער ארבעט פלייסיג, ער באפאלט דיר פון אלע זייטן, דיך צו האלטן וואס מער פארנומען און וואס מער צוגעבינדן צו וועלטליכע זאכן, נאר כדי דיר אפצוהאלטן פון צו טראכטן די קורצע מחשבה פון הקב"ה. און וועגן דעם וועסטו זיך

שטענדיג טרעפן איינגעזינקען אין אומוויכטיגע מחשבות בשעת דו ווארטסט אריבער צו גיין די גאס. אבער אויב די וועסט יא האבן די קורצע מחשבה פון הקב"ה, האסטו ערווייכט א געווינס. און אויב ביי די קומענדיגע גאס וועסטו טראכטן פאר איין מינוט פון יציאת מצרים איז דאס א געוואלדיגע הידור. דאס איז שוין א סך מער ווי 350$-דיגע תפילין. דאס איז 600$-דיגע תפילין! [דער רב זצ"ל האט געזאגט די ווערטער אין שנת תשל"ה.] און עס קאסט נישט קיין פרוטה!

## עס ליגט אין דיין האנט - א זעלטענע דיימאנט!

אויב דו ווילסט ווערן רייך דארפסטו בלויז אויפוועקן דיין מח צו טראכטן די איינצלנע מחשבה. און אויב דו וועסט עס טראכטן פאר צוויי מינוט, איז דאס א הידור שבהידור. די מחשבות ווען דיר מאכן גאר ספעציעל, אן אויסדערוועלטער צווישן די אומצאליגע מענטשן וואס גייען אויף די גאס און טראכטן גארנישט פון הקב"ה. דו וועסט זיין אן אויסנאם, איינער וואס לעבט מיט דביקות בה', אפילו ווען דו טראכסט פון דעם נאר איין מאל! און אויב דו טוסט דאס פיל מאל, אדער כאטש איין מאל א טאג, וועסטו מאכן גאר גרויסע פארשריט אין די מלחמה חזקה.

אויב מען לייגט צו קאפ קען מען דאס טון כמה פעמים יעדן טאג, עס איז בכלל נישט שווער. אויב דו מאכסט א החלטה צוצולייגן קאפ און זיך נישט לאזן פונעם שונא, איז דאס דיין הצלחה. אפילו ווען דו ביסט גאר פארנומען, איז דיין מח פריי צו טראכטן מחשבות פון הקב"ה.

דער מסילת ישרים זאגט דאס איז הטוב האמיתי ,דאס איז "די אמת'ע גוטס." נישט "איינע" פון די גוטע זאכן. דאס איז די "אמת'ע" גוטס! דיין ריכטיגע הצלחה אין לעבן איז הדביקות בו יתברך, אז דיין מחשבה זאל זיין ווענגן הקב"ה. און דערפאר טרעפט מען א סך מענטשן, אפילו גוטע מענטשען, וואס טוען אלעס אין לעבן חוץ פון דעם. ספעציעלע מענטשן וואס זענען פארנומען מיט טון מצוות און חסד, זיי זענען גרייט צו טון א סך גוטע זאכן, אבער זיי טראכטן

קיינמאל נישט פונעם בורא יתברך. ווייל עס איז א זעלטענע דיימאנט, נישט יעדער טרעפט דאס, און איז מצליח דאס אויפצוגראבן. דער דיימאנט פון טראכטן פון דעם אויבערשטער א גאנצן טאג איז אזוי טייער, אז דער יצר הרע וועט ענדערש לאזן דעם מענטשן טרעפן אלע אוצרות פון תורה ומצוות, אבי ער זאל זיין צו פארנומען צו טרעפן די זעלטענע אוצר פון הדביקות בו יתברך.

דו מיינסט אפשר אז ביים לייענען די ווערטער האסטו דאס שוין קונה געווען. א נעכטיגער טאג! לאמיר זען אויב דו וועסט דאס נאך געדענקן אויפן וועג אהיים. דו וועסט גיין אויף די גאס, דו וועסט זען דעם עולם אשר נתן האלוקים בליבם, און די וועסט זיין צוריק אין די געיעג פון תכבד העבודה.

## אכטונג ביי דער פרשת דרכים!

איך האב מורא אז מיין רעדן דא איז א שאד די צייט. ווייל איין מאל מען גייט ארויס צו די גאס און מען קומט אן אין שטוב, פאלט מען אריין אין א טיפע שלאף. מען איז כמעט ווי א שיכור וואס טראכט נישט וואו ער גייט אדער וואס ער האט צו טון. די טעג און די נעכט גייען פארביי מיט ליידיגקייט; אפשר איין טאג אויף די עלטער וועט מען צוריקקוקן און איינזען אז די יארן זענען אדורך אזוי שנעל און רוישיג און מען איז געווען אזוי אויסגעמאטערט אז מען האט פארפאסט א גאלדענע געלעגנהייט פונעם לעבן.

און דערפאר זאלסטו קיינמאל נישט ארויסלאזן פון געדאנק אז דו שטייסט פאר הקב"ה. ווען דו ארבעטסט שווער אין קאך, דו לייגסט אריין עסן אין אויוון, ווען דו טוסט היימארבעט מיט די קינדער, טראכט פון הקב"ה: "רבונו של עולמע, איך ווייס אז איך שטיי פאר דיר." ווען דו פארסט צו די ארבעט, "הקב"ה, איך ווייס אז דו היטסט איבער מיר." בשעת דו נעמסט ארויס א ספר פונעם ספרים שאנק, "רבוש"ע, דו ביסט דער איינציגסטער בורא אויף די וועלט." ווען דו גייסט ארויף די טרעפ צו דיר אין שטוב, "רבוש"ע, איך גיי נאר מיט דיר."

וואו דו גייסט, קענסטו גיין מיט'ן אויבערשטן. ווען דו שפאצירסט אין גאס איז דא פאר דיר א פרשת דרכים, א שיידוועג: וועסטו ווערן פארכאפט אין די וועלט ארום דיר? די געשעפטן, די הייזער, די מענטשן, די קולות? אדער וועסטו טראכטן וועגן הקב"ה?

איך וועל דיר געבן אן עצה טובה, זאג צו זיך אליין: פון דא ביי דעם בוים, ביז איך קום אן צו די עק פון די גאס, וועל איך טראכטן, "דער אויבערשטער גייט מיט מיר, און ער היט איבער מיר." און די וועסט זיין א געווינער אינעם פארמעסט פונעם לעבן!

## שלימות אויף די וועלט

אז דו פארשטייסט וואס די תכלית פונעם לעבן איז, און דו ווערסט געוואויר אז די סיבה פון יעדע דורכגאנג אין לעבן איז דיך צו פרואוון, ביסטו שוין אויפ'ן ריכטיגן וועג צו הצלחה. דער יצר הרע פון תכבד העבודה וועט כסדר האלטן דיין מח פארנומען מיט עולם הזה. אבער דאס אלעס איז נאר א נסיון. וועסטו ווערן מער פארנומען און אריינגעטועט אין די וועלט, פארגעסן דיין ציל אין לעבן? אדער וועסטו זיך מתבונן זיין אז דאס איז דער יצר הרע פון תכבד העבודה? קענסטו בייקומען אלע שטערונגען, און געדענקען צו טראכטן פון דעם רבוש"ע? נאר דאן ביסטו אויפ'ן וועג צו די גרעסטע הצלחה אין לעבן.

דאס וואס דו ביסט זיך מתגבר אויף די נסיון פון תכבד העבודה און דו געדענקסט שטענדיג צו טראכטן פון הקב"ה, דאס איז דער "שלימות האמיתי" און דער "טוב האמיתי".

## האט א געשמאקע שבת!

**בחינם!**
נעמט אהיים
דעם קונטרס

# תורת אביגדור

"שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך"



## שו"ת מיט הרב אביגדור מיללער זצ"ל

**פראגע: וואס איז די תועלת פון שניי, האגל און אייז??**

**ענטפער:** אויף שניי און האגל זאגט דער פסוק משליך קרחו כפיתים, השי"תווארפט זיין אייז אזוי ווי שטיקלעך ברויט. שניי איז ברויט. שניי האלט זיך אויף די ערד פאר א לאנגע צייט, עס צולאזט זיך צוביסלעך. עס זאפט זיך איין שטייטלעך אין דער ערד, נישט ווי רעגן וואסער וואס לויפט גלייך אפ אין טייכן און אין ים. נאר עס בלייבט אויף איין פלאץ, און גיבט טרינקען פאר די ערד פאר א לאנגע צייט. טבא תלגא מחמש מיטרא (תענית ג, ב) איין שניי איז בעסער פאר די ערד פון פינף רעגנס. דו ווייסט אז די ערד דארף די וואסער, צו קענען אנגיין מיט זיין ארבעט.

אפשר וועסטו מיינען אז דא אין שטאט איז די שניי איבריג? ניין! עס איז דא דיר צו דערמאנען די נס פון שניי. אז די וואס ארבעטן נישט אויפ'ן פעלד, זאלן אויך געדענקען וואס דער אויבערשטער טוט פאר זיי. אויב דו וואלסט געווען א פארמער, וואלסטו זייער שטארק ליב געהאט די שניי. די פארמערס זאגן אז אסאך שניי אין די ווינטער, מיינט אסאך תבואה אין די זומער. שניי מאכט וואקסן נאך מער פון רעגן, און באשיצט די באצילן פון אונטער די ערד עס זאל נישט פארפרוירן ווערן. פארגעס נישט! משליך קרחו כפיתים ער ווארפט זיין שניי אזוי ווי ברויט; שניי איז ברויט.

די קומענדיגע מאל דו דארפסט שארן די שניי, אדער דו זעסט ווי עס פאלט א שניי, פארפאס נישט די געלעגנהייט פון קונה זיין דעת. זיי זיך מתבונן און די חסד השם ווי ער גרייט יעצט אן פאר דיר ברויט מיט אלע ערליי עסן.

**שרייבט אייך איין צו באקומען אויף אימעיל דעם וועכענטליכע גליון "ר' אביגדור ענטפערט",**
**שיקט אן אימעיל צו:** rebavigdoranswers@gmail.com